ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



**י"ט טבת תשס"ה** | **פרשת שמות**

טייערע קינדער שלוחים,

א גוטן ערב שבת! מארגן איז זייער א ספעציעלע טאג, דעם יארצייט פון רמב"ם. דער רמב"ם איז געווען א גרויסער צדיק און א גרויסער, קלוגע דאקטער. דער רבי האט אסאך גערעדט אויף דעם גרויסקייט פון דער רמב"ם. דער רבי האט מעורר געווען צו לערנען פון זיין ספר –"יד החזקה" יעדן טאג. היינט איז א גוטע טאג אנצונעמען א החלטה אויף צו שטארקן דיין לימוד הרמב"ם פון זיין ספר המצוות. לאמיר שוין זוכה זיין צו די צייט פון גאולה אויף וואס דער רמב"ם שרייבט אין סוף פון זיין ספר יד החזקה "ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים" – ווען די וועלט וועט זיין אזוי פול מיט תורה ווי דעם וואסער פארדעקט די ים! און זיכער וועט איר, די טייערע סאלדאטן פון דער רבי, שטיין אין דעם ערשטן שורה!!

עורכת: איידלה וועכטער

## דעם חסידיש'ן לוח

כ' טבת איז דער יארצייט פון דעם רמב"ם. דער רמב"ם איז געבוירן געווארן ערב פסח אין קארדאבע שפאניע, ארום 870 יאר צוריק. ארום 30 יאר שפעטער, איז דער משפחה פון דעם רמב"ם געגאנגען צו פעז מאראקא און דערנאך זיך באזעצט אין מצרים און האבן דארט געלעבט. דער רמב"ם האט געשריבן דעם ספר המצוות, א ספר וואס האט אין זיך די רשימה פון אלע 613 מצוות. דער רמב"ם האט אויך געשריבן א ספר וואס איז א סיכום פון אלע הלכות פון די מצוות פון תורה. דער ספר האט 14 ספרים און עס ווערט אנגערופען "משנה תורה – יד החזקה" (יד איז בגימטרי' 14). פון יאר תשד"ם אויף י"ד ניסן (יום הולדת פון דעם רמב"ם) האט דער רבי מעורר געווען צו לערנען פון דעם רמב"ם יעדן טאג. דער רבי האט אנגעזאגט אדער צו לערנען 3 פרקים א טאג און ענדיקן דעם ספר אין א יאר, אדער לערנען 1 פרק א טאג און ענדיקן דעם ספר אין 3 יאר. צו פרויען און קינדער האט דער רבי געבעטן לערנען פון דעם ספר המצוות. דער רמב"ם האט אויך געשריבן די י"ג עקרי אמונה וואס יעדער פון זיי הויבט זיך אן מיט "אני מאמין". דער רמב"ם איז באוואוסט אין גאנצן וועלט אלס א גרויסע מנהיג און א וועלט–בארימטע דאקטער.

עס זיינען פאראן אסאך מעשה'ס וועגן די אויסערגעוויינליכע קלוגקייט פון דער רמב"ם. דער רמב"ם איז אוועק אויף כ' טבת און איז באגראבן געווארן אין טברי'. אויף דעם מצבה פון דער רמב"ם איז געשריבן געווארן "ממשה עד משה לא קם כמשה!!"

## לעבען מיט דער צייט

### פרשת שמות

**ויהי כל נפש יוצאי ירך יעקב שבעים נפש** - די צאל אידן וואס זיינען אריין אין מצרים איז געווען "שבעים נפש".

די צאל פון "שבעים נפש" איז דער "מספר היסודי" (דער גרונט צאל) פון אידישן פאלק, "צבאות השם", ווי עס שטייט "**יצב גבולות עמים למספר בני ישראל**" - דאס וואס דער מספר פון די הויבט–אומות איז "שבעים", איז דאס דערפאר וואס דער מספר פון די "הויפט–אידן", די אידן אריינגייענדיק אין מצרים, איז געווען "שבעים".

געפינט מען, אז צווישן די זיבעציק מיטגלידער פון "צבאות השם" וואס זיינען אריין אין מצרים, ווערט גערעכנט יעקב אבינו אלס איינער, און א קליינע אידישע מיידעלע וואס איז געבארן געווארן מיט א רגע לפני זה (אדער–באותו הרגע) - יוכבד - אלס איינע, און זיי שטעלן צוזאמען דעם מספר פון "שבעים נפש", וואס דעמאלט זיינען דאס געווען די "צבאות השם"!

דאס הייסט , אז אין דער צאל פון "שבעים נפש" ווערן אריינגענומען צוזאמען ,סיי א קליינע אידישע מיידעלע און - יעקב אבינו, דער גרעסטער צווישן די אבות, און דער גרעסטער צווישן אידן (וואס דערפאר ווערט דאך יעדער איד אנגערופען מיטן נאמען "יעקב", "ישראל").

דערפון זעהט מען די גרויסקייט פון אידישע קינדער. ווארום הגם אז אייגנטלעך זיינען אלע אידן, אפילו די וואס זיינען שוין אלט אין יארן, דער אויבערשטנ'ס "קינדער", ווי עס שטייט "כי נער ישראל ואוהבהו", און "**הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים**" - דאס הייסט אז דער אויבערשטער באטראכט און קוקט אויף יעדער

(המשך אין עמוד 2)

ב"ה



# דערציייל מיר א מעשה

## דער גרויסער דאקטער

דער רמב"ם איז געווען א גרויסער דאקטער. אלע האבן זייער געהאלטן פון דעם רמב"ם, אבער עס זיינען געווען א פאר גוי'שע דאקטוירים וואס האבן זייער מקנא געווען דעם רמב"ם. זיי האבן אים מקנא געווען ווייל דער קעניג האט זייער געהאלטן פון דער רמב"ם. זיי האבן געפרואווט באווייזן אז זיי זיינען טאקע קליגער ווי דער רמב"ם, אבער צום סוף האט מען אלעמאל מודה געווען אז דער רמב"ם איז דער קלוגער.

איינמאל, האט דער רמב"ם געהאט א וויכוח מיט אנדערע דאקטוירים. די דאקטוירים האבן געזאגט אז מיט די ריכטיגע מעדעצין, קען יעדער בלינדע מענטש זעהן. דער רמב"ם האט געזאגט אז נאר איינער וואס האט אמאל געזען אין זיין לעבן און איז דערנאך געווארן בלינד קען מען אמאל היילן, אבער איינער וואס איז געבוירן געווארן בלינד וועלן זיי ניט קענען היילן. דער ענין האט געכאפט דער אינטערעסט פון דעם קעניג און ער האט געזאגט אז יעדער זאל זיך צוגרייטן אויף צו באווייזן זיין מיינונג פאר די נעקסטע וואך.

די דאקטוירים האבן געפרואווט און געפרואווט אבער זיי האבן צום סוף מודה געווען אז זיי האבן ניט געקענט געפינען א וועג צו היילן איינער וואס האט קיינמאל ניט געזען. זיי האבן באשלאסן מאכן א געלעכטער פון דער רמב"ם. זיי האבן גענומען אן ארימאן, און זיי האבן אים געזאגט אז זיי וועלן אים געבן א סך געלט אויב ער וועט נאר מיטשפילן מיט זיי. ער דארף זיך מאכן ווי ער איז געווען א געבוירענע בלינדע, און זיי וועלן אים געבן מעדעצין און דערנאך, דארף ער זאגן אז ער זעהט.

דער ארימאן האט מסכים געווען און דעם נעקסטן טאג האבן זיי זיך געטראפן מיט דער רמב"ם ביי דעם קעניג. "מיר זיינען געווען גערעכט!" האבן זיי געזאגט. אט דא איז א בלינדער מענטש, און מיר וועלן אייך באווייזן ווי מיר וועלן אים אויסהיילן.

אלע מענטשן וואס זיינען געקומען האבן גוט צוגעקוקט, נאר דער רמב"ם האט זיך ניט אינטערעסירט.

דער "בלינדער" מענטש איז געזעצן אויף א בענקל, און מען האט אים געפרעגט "ביסטו טאקע בלינד?"

"זיכער!" האט ער געזאגט.

"און דו ביסט געבוירן געווארן בלינד?"

"יע, איך שווער", האט ער געזאגט. די דאקטוירים האבן אים געגעבן מעדעצין און פלוצלינג איז ער אויפגעשטאנען און ער האט געשריען "איך זעה!!!"

אלע מענטשן האבן געקלאפט זייערע הענט מיט צופרידנקייט. "וואס וועט דער רמב"ם זאגן יעצט?" האבן זיי געטראכט.

דער רמב"ם איז ניט נתפעל געווארן. ער איז אריבערגעגאנגען צו דער מענטש. "קענסטו טאקע זעהן?" האט ער געפרעגט "זיכער" האט דער מענטש געענטפערט. "אויב אזוי, זאג מיר וועלכער קאליר איז דאס?" און ער האט אים באוויזן א רויטע האנטאך.

"עס איז רויט" האט דער מענטש געזאגט.

"ליגנער!!" האט דער רמב"ם געשריען. "דו האסט געזאגט אז דו האסט קיינמאל ניט געזען אין דיין לעבן. אבער, אויב דו האסט קיינמאל ניט געזען, וויאזוי ווייסטו וועלכער קאליר ווערט אנגערופען רויט?!"

די פאלשע דאקטוירים האבן זיך זייער געשעמט ווען דער אמת איז באוויזן געווארן אזוי קלאר, און דורך דעם גרויסן קידוש ה', האט מען נאכאמאל מודה געווען אין די אויסערגעוויינליכע קלוגשאפט פון דעם רמב"ם!!

*(המשך לעבען מיט דער צייט)*

אידן אז ער איז זיינער א קינד, און נאכמער - א "ילד שעשועים", א קינד וואס פארשאפט אים גרויס פרייד און פארגעניגן - ובמילא מובן אז אלע אידן זיינען אין דעם אויבערשטנ'ס ארמיי -

פונדעסטוועגן, איז דאס מער אונטערשטראכן בנוגע צו אידישע קינדער.

און אזוי ווי עס איז געווען אין מצרים, אין דעם ערשטן גלות, אז דארטן איז געווען בהדגשה די מעלה פון קליינע קינדער אלס מיטגלידער פון "צבאות השם", "הם הכירוהו תחלה", אזוי וועט אויך זיין בקרוב ממש, וואס **"כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"**, ווען מיר וועלן ארויסגיין פון דעם איצטיקן גלות - גאר אינגיכן, דורך משיח צדקנו.

(דער רבי רעדט צו קינדער *-משיחת כ"ח תשרי תשמ"א*)

## משיח נאו!!

דער רבי זאגט אז פונקט אזוי ווי אין צייט פון גאולת מצרים ביים קריעת ים סוף זיינען די קינדער געווען די ערשטע צו אנערקענען ה', פונקט אזוי וועלן די קינדער פון אונזער דור וועלכע זיינען נתחנך געווארן אלס דור פון גאולה זיין די ערשטע צו אנערקענען ה' ביי דער גאולה!

"ממשה עד משה,



לא קם כמשה"

בס"ד

# כ' טבת



# יארצייט של הרמב"ם

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ד טבת, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

## שאלות אויף כ' טבת

1. וואו איז דער רמב"ם געבוירן געווארן(שטאט, לאנד)? ______________________________
2. אויף וועלכער טאג איז דער רמב"ם געבוירן געווארן? ______________________________
3. וואו האט דער רמב"ם געלעבט אין סוף פון זיין לעבן? ________________________
4. וועלכע ספר האט ער געשריבן וואס האט 14 חלקים? _____________________________
5. מיט וואס איז דער רמב"ם באוואוסט בנוסף צו זיין לערנען תורה? ____________________
6. ווען איז דעם יארצייט פון רבמ"ם ? ____________________________________________
7. וואו איז ער באגראבן געווארן? _________________________
8. וויפיל אני מאמין'ס האט דער רמב"ם געשריבן? _______
9. וועלכע ספר פון דער רמב"ם האט דער רבי געבעטן פרויען און קינדער צו לערנען? ______

_________________________________

10. אין וועלכע יאר האט דער רבי געהייסן לערנען רמב"ם יעדן טאג? ___________________

**די קינד וואס האט געוואונען—פרשת שמות: מענדל גראסבוים, 7**

שם: ______________________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________________________________

אי-מייעל: __________________________________________

# הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org